# וויכטיק איז
# ר׳ פֿרײַעס וואַקסמאַן
# נײַע ווערטער: שלום בערגער, בנימין מאָס

רעפֿריין:

וויכטיק איז אַ שבת-קודש,
אַ גוטע וואָך און אַ גוטער חודש;
וויכטיק איז אַ גלאַטע סבֿרה,
וויכטיק איז אַ בלאַט גמרא,
וואָס איז וויכטיק און וואָס איז נישט,
מע טאָר נישט ווערן צעמישט.

וואָס איז שיין און וואָס איז מיאוס?
וואָס איז ביטער און וואָס איז זיס?
שיין איז אַ ייִנגל מיט לאַנגע פּאות,
מיאוס איז אַ רשע מיט פֿאַלשע דעות,
ביטער איז אַ קרומע סבֿרה
און זיס איז אַ כּזית מרור!

וויכטיק זענען סיפּורי-צדיקים,
אַ וואָרט אויף דער סדרה, רמזים עמוקים.
וויכטיק איז אַן אתרוג אַ שיינער,
וויכטיק איז אַ האַרץ אַ ריינער,
וואָס איז וויכטיק און וואָס איז נישט,
מע טאָר נישט ווערן צעמישט.

געשמאַק איז אַ וואַרעם ייִדיש ליד,
וויכטיק איז לויפֿן אַ טובֿה טאָן אַ ייִד;
וויכטיק איז אַ זאַך וואָס בלײַבט,
נאַריש איז אַ זאַך וואָס די צײַט פֿאַרטרײַבט.
וואָס איז וויכטיק און וואָס איז נישט,
מע טאָר נישט ווערן צעמישט.

## נײַע ווערטער

רעפֿריין:

וויכטיק איז צו זײַן אַ ייִד און אַ מענטש.
אַלע פֿעלקער זײַנען גלײַך געבענטשט!
שיין איז אַ פֿרוי וואָס האָט אַ דעה,
שענער נאָך ווי אַ לאַנגע פּאה.
וואָס איז וויכטיק און וואָס איז ניט,
מע טאָר ניט ווערן צעמישט.

וויכטיק איז ייִדיש — און עבֿרית,
מדינת-ישׂראל און ארצות-הברית.
וויכטיק איז אַ ייִדישע מדינה,
בײַנאַנד מיט אַ שטאַט פֿאַר די פּאַלעסטינער.
וואָס איז וויכטיק און וואָס איז ניט,
מע טאָר ניט ווערן צעמישט.

וויכטיק איז צו לעבן אויף דער וועלט,
ניט נאָר צו חנפֿען און נעמען זייער געלט.
וויכטיק איז אַ באַציונג מיט די נוכרים,
ווײַטער נאָך ווי מעשׂה-סוחרים.
וואָס איז וויכטיק און וואָס איז ניט,
מע טאָר ניט ווערן צעמישט.

וויכטיק זײַנען שרײַבערס פּונקט ווי צדיקים,
ישיבֿה-בחורים מיט פּאָבליק-סקול-תּלמידים.
וויכטיק איז תּורה מיט דרך-ארץ,
וויכטיק איז גמרא, וויכטיק איז פּרץ.
וואָס איז וויכטיק און וואָס איז ניט,
מע טאָר ניט ווערן צעמישט.

ש״ס מיט פּוסקים זאָגט מען איז כּדאַי,
נאָר אויך סוצקעווער און עמיחי!
וויכטיק צו געדענקען וואָס דו ביסט,
אָן צו זײַן אַ שאָוויניסט.
וואָס איז וויכטיק און וואָס איז ניט,
מע טאָר ניט ווערן צעמישט.